**UCLA**
**Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn**

**Title**
Lokale Gezelshaftlekhe Notitsn/ Local Social Notes

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/6qk101n1

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

**Publication Date**
1980

**Copyright Information**
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# לאָקאַלע געזעלשאַפטלעכע נאָטיצן

☐ די אַקציע פאַרן אָנדענק פון פייגעלע פאַניץ ז"ל האָט זיך פאַרענדיקט מיט דערפאָלג, מעלדעט חבר אַלעקס ראַבין, פאָרזיצער פון קולטור־קלוב. אַלע אַראַנדזש־מענטס בנוגע דער פאָרם פונעם אָנדענק זיינען שוין געמאַכט געוואָרן בשותפות מיט דער „לייוויק הויז" אין תל־אביב. אַ פלאַק 12X12 מיט אַ פּאָסיקער אויפשריפט וועט אויפגעהאַנגען ווערן אויף אַ געהויבן אָרט. אויף אַזאַ אופן וועט די סומע פון דריי טויזנט דאָלער וואָס אונדזער קולטור־קלוב האָט געשאַפן העלפן צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער האַרציקער פאָלקס־זינגערן פייגעלע פאַניץ ז"ל און אויך דער אויפהאַלטונג פון דער לייוויק הויז אין תל־אביב, וואָס העלפט פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט אין ישראל. בקרוב וועלן זיי אונדז איבערשיקן אַ פאָטאָגראַפיע פון דעם פלאַק מיט דער אויפשריפט.

☐ לייוויקס אַ זעלטן קינסטלערישע האַנט־אַרבעט

ס'איז אין אַלגעמיין ניט באַקאַנט אַז דער גרויסער פאָעט און הומאַניסט, ה. לייוויק, האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט קינסטלערישער האַנט־אַרבעט. פייגעלע ראַלניק, די אַלמנה פונעם דיכטער יוסף ראַלניק ז"ל, האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז זי האָט מיט דער הילף פון חבר אַלעקס ראַבין איבערגעשיקט אַ זעלטענע מתנה פאַרן לייוויק־הויז: אַן אָריגינעלע קינסטלערישע האַנט־אַרבעט פון דעם דיכטער ה. לייוויק ז"ל, וואָס ער האָט זי בשעתו געגעבן אַ מתנה.

די פאַרוואַלטונג פון דער לייוויק הויז וועט זיך באַמיען צו רעסטאַווריר̈ן די זעל־טענע יצירה און זי אויפהענגען אויף אַ בכבודיק אָרט ווי אַ מתנה פון פייגעלע ראַלניק.

☐ „באַגינען", אַ בוך פון אַריה פאַזי וועט בקרוב דערשיינען אין דעם י. ל. פרץ פאַרלאַג אין תל אביב. דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב ווי אַן אויסדרוק פון אנערקענונג פאַרן שרייבער אריה פאַזי פאַר זיין וויכטיקן בייטראַג צום היגן יידיש־קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. במשך עלף יאָר האָט ער רעדאַגירט דעם זשורנאַל „חשבון" און פלעגט אויך אָפט אויפטרעטן מיט רעפעראַטן.

דער קאָמיטעט פירט איצט אָן אַן אַקציע צו שאַפן אַ מינימום פון פיר טויזנט דאָלער צו דעקן די הוצאות פון דרוקן דאָס בוך.

☐ ד"ר דזשאָנעט האַדאַ, פּראָפעסאָר פון יידיש אין קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט, האָט שבת אָוונט, 8טן מערץ געהאַלטן אַ פאָרטראַג אין קולטור־קלוב אויף דער טעמע :

## „ליבע מאָטיוון אין יעקב גלאַטשטיינס שאַפונגען"

ד"ר האַדאַ האָט געשריבן איר דאָקטער דיסטערטאַציע און אויך אַ בוך וועגן דע

ד"ר האַדאַ האָט געשריבן איר דאָקטער דיסערטאַציע און אויך אַ בוך וועגן די פאָעזיע
שאַפונגען פון יעקב גלאַטשטיין. אַ גרויסער עולם איז געקומען הערן די לעקציע.

# א הסתדרות
# אניואיטי טראַסט-קאָנטראַקט

— פון דער —

## ישראל הסתדרות־פונדאַציע
אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה פון 9½%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט״־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס״־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...
אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 9.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט-פונדאַציע.

---

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

**7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201**

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..........................................

Address..........................................

Date of Birth..................Soc. Sec. No..................

Principal Amount $..........................................

Date..................Signature of Applicant..................